בס"ד

# באמבארדירן די "באן-רעלסן"...

**זומער תש"ד**. א שווארצער נעפל שוועבט איבער'ן האריזאנט, די נאצישע קרעפטן ימש"ו האבן שוין באוויזן איינצונעמען דעם גרעסטן טייל פון אייראפע, שטאט נאך שטאט, לאנד נאך לאנד קאפיטולירט... עס הערשט חורבן און פינסטערניש, אלע אנערקענען זייער קלאר דעם מצב: "דער נאצישער טיגער – איז אן אומזיגבארע חי', וועלכע פארצוקט גרויזאם אירע קרבנות אהן אפהאלט", די וועלט'ס גרויסמאכטן ווארפן זיך פאר אנגסט און שרעק און פארכטן זיך פאר'ן מארגענדיגן טאג, די וועלט איז אין פאניק...!!

דערווייל פארן טעגליך פרישע טראנספארט-וואגאנען פון אלע זייטן... אוישוויץ... טרעבלינקא... אוי שרעקליך בלויז צו דערמאנען די נעמען פון די שטעט...

די מארד-מאשינען ארבעטן סיסטעמאטיש מיט פארגעשריטענער דייטשע טעכניק... די קוימענס פון אוישוויץ שפייען געדיכטע וואלקענס רויך אהן אויפהער... **אבינו מלכנו, עשה למען באי באש ובמים על קידוש שמך...!!**

מען הייבט אהן דעפארטירן אונגארן... **הוי באשעפער! האב שוין רחמנות אויף דאס ביסל וואס איז נאך געבליבן, שלא תאבד שארית ישראל...!!**

רבונו של עולם! ווי-אזוי שטעלט מען דאס אפ???

**צום אלעם–ערשט: באמבארדירן די "באן–רעלסן" (וואס פירן קיין אוישוויץ)...**

– בעהט זיך הרב הצדיק **ר' מיכאל בער ווייסמאנדל זכרונו לברכה** מיט טרערן, און אפעלירט מיט הארצרייסענדער ווייגעשריי צו די וועלט!!

- וועט זיך דורך דעם "צעפאלן" די – טריאומפירענד זיגרייכע – דייטשע ווירמאכט?? ניין! קלאר אז נישט!!
- וועלן זיך דערמיט "אפשטעלן" די מארד-פאבריקן פון אוישוויץ און טרעבלינקא?? ניין! גענצליך נישט!!
- וועט דאס "פארזיכערן" אז מען וועט נישט מער ערמארדן אידן, דורך אנדערע מיטלען? ניין! אבסאלוט נישט!!
- איז דען נישט מעגליך, און ווארשיינליך ערוווארטעט, אז די רשעים ימ"ש וועלן – דורכ'ן הילף פון זייערע טויזענטער אידישע פליכטלינגען – צוריק פארריכטן די חרוב'ע שינעס? זעלבסט פארשטענדליך אז יא!!

טא וואסזשע איז דער אויפטו פון חרוב מאכן די שינעס...???

מיר קענען דערווייל נאר טון וואס מיר קענען... **אבער דאס וועט כאטש אפשטעלן דעם שנעלן גאלאפ!! עס וועט פארשטייטערן די דעפארטאציעס... ווייניגער קרבנות רח"ל א טאג...** און דערווייל... וועט מען ווייטער האפן און בעטן צום אויבערשטן... ווען די אליאירטע לענדער וועלן סוף-כל-סוף בייקומען די נאצישע קרעפטן... **עס זאל נאך זיין ווען צו ראטעווען!!!**

* * *

**שנת תשע"ה**. איבער 70 יאהר זענען זינט דאן פארלאפן. מיר קוקן זיך ארום מיט אביסל א ניכטערן בליק און עס ווערט באלד אומעטיג אויפ'ן הארצן, מיר זעהען זיך ווידעראמאל ארומגענומען מיט שווארצע וואלקענעס... הוי טאטעניו...

א בליק אויף די פריש צוגעקומענע שטיינער אויפ'ן פעלד אין ביה"ח... להבחל"ח א שנעלער שפאציר אין איינעפ פון די שפיטעלער... א קליינער באריכט פון איינע פון די פילע צדקה וחסד ארגעניזאציעס... א קורצן שמועס מיט עטליכע אידן וואס יאגן זיך מער נישט צופרי צו די ארבעט... וועלן אייך געבן דעם ציפעדיגן בילד איבער דעם מצב – אויב שפירט איר דאס נישט אליין ה"י, און דאס איז נאר בגשמיות, און "ברוחניות"... הוי! וויפיל בחורים... וויפיל קינדער... וויפיל... דאס פאפיר איז בכלל נישט געאייגנט דערפאר... אוי באשעפער דו שפירסט דאך מיט יעדנס ווייטאג... און וויפיל נסיונות שטייען מיר אויס ביי יעדן טריט אין שריט?? מיר שלאגן זיך... מיר ראנגלען זיך... מיר דראפען זיך...

מיר לעבן אין א וועלט פון "טעכנאלאגיע" ווי קיינמאל פריער, מיר האבן זיך באקוועם געמאכט דערמיט, דאס גאנצע

לעבן-ווירטשאפט האבן מיר אנגעהאנגען אין איר, אזש אהנע דעם גיט מען זיך כמעט קיין ריר... מאשינען, קאמפיוטערס, טעלעפאנען, סעלפאנען, און וואס נישט...? און מיר זענען שוין אזוי אנגעוויזן אויף איר... פארקניפט אין פארדרייט... פרובט נאר איר אויסשאלטערן אויף א ווילע... ווי-אזוי זעהט אויס ווען א קורץ-שלוס האלט אהן עטליכע שעה? די וועלט איז פאראליזירט! געפרירן!!

אמת! עס קוקט אפשר אויס (עכ"פ פון אויבנאויף) ווי א פאקט אז די טעכנאלאגיע נעמט איבער די מאכט... זי איז כמעט אומזיגבאר, די גרעסטע העלדן בייגן דעם קאפ פאר איר... זי שלינגט איין אלס און אלעמען, און דערמיט פארשפעטיגן נישט אירע קאנסעקווענצן, אירע ביטערע פאלגן, נסיונות אין אלע הינזיכטן... במחשבה, דיבור, ומעשה, לערנען, דאווענען, ליצנות, לשון-הרע, מחלוקת, שנאת חנם, שלום בית... זי פארטעמפט, דערשטיקט, דערטרענקט, און פארברענט דאס אידישע פינטעלע! דאס אידישע הארץ! און... די מענטשהייט!! זי פארציקט אזוי גרויזאם דאס לעצטע הייפעלע ברוחניות ווי בגשמיות צוגלייך!! עס איז דאך עק-וועלט... אט אט און עס איז א טאטעלע... רח"ל.

איז דען דא אן אויסוועג??? **הוי באשעפער! האב שוין רחמנות אויף דאס ביסל וואס איז נאך געבליבן, שלא תאבד שארית ישראל...!!**

רבונו של עולם! ווי-אזוי שטעלט מען דאס אפ???

לאמיר דערהערן דעם געשריי פון הרה"צ ר' מיכאל בער זצוק"ל – וועלכער בעהט זיך בדם לבבו – צו אונז:

**צום אלעם–ערשט: באמבארדירן די (טעכנאלאגישע) באן–רעלסן וואס פירן אידישע קינדער צום רוחניות'דיגן אוישוויץ, צום אייביגן אפגרונד...** רח"ל.

- וועלן מיר מיט דעם איינמאל פאר אלעמאל גענצליך פארניכטן דעם גרויזאמען שטן?? ניין! קלאר אז נישט!!
- וועלן זיך דערמיט אויפהערן אלע אנדערע נסיונות ופגעי הזמן?? אויך נישט!!
- וועט דען דער שטן נישט אפירקומען מיט נייע טאקטיקן און פרישע מיטלען אונז צו פארכאפן אין זיין נעץ??

יא! קלאר אז יא!! ביז משיח'ס טאג וועט ער ווייטער פרובירן און אויסטערפן מיטלען, געצילט קעגן דאס הייפעלע שארית ישראל... און אדרבה הערשט יעצט ווען זיין סוף איז נאענט, וועט ער אהנווענדן אלע זיינע כוחות אונז בייצוקומען רח"ל...!!!

טא וואסזשע איז דער אויפטו פון "חרוב מאכן די שינעס"...???

מיר קענען דערוויייל נאר טון וואס מיר קענען... אבער דאס וועט כאטש אפשטעלן דעם שנעלן גאלאפ!! עס וועט פארשטייטערן די דעפארטאציעס... ווייניגער קרבנות רח"ל א טאג... און דערוויייל... וועלן מען ווייטער האפן און בעטן צום אויבערשטן, אז ווען דער ליכטיגער פרימארגן וועט ווידער אויפשיינען אויפ'ן האריזאנט, משיח וועט קומען, מלחמה האלטן און בייקומען דעם שטן מיט זיינע קרעפטן... **עס זאל נאך זיין ווען צו ראטעווען!!!**

* * *

**"אומר בלבו נואש... אבדה תקותו..."** סיגנאלירט אונז דער פייטן (סליחות צום גדלי').

דאס איז דער כח פון יצר-הרע, קודם הייבט ער אהן שטילערהייט, ער רוקט אונז אינטער א נסיון, מען כאפט זיך נישט תיכף, מען הייבט אהן זיך גליטשן... און באלד דערויף איז ער ווידער דא... "א שאד די הארעוואניע! א שאד די מיה! עס איז דערנאך!! דו קענסט שוין גארנישט טון סיי-ווי... הייב אויף די הענט, און מאך שלום מיט'ן מצב, ווייל עס וועט דיר סיי-ווי קיין סאך נישט העלפן, מען קען שוין נישט צוריק דרייען..." אזוי און ענליכעס זענען די גאנץ באקאנטע פראזן, וועלכע כאפן זיך אפט אריין אין אונזער געדאנק שטיל און אומבאמערקטערהייט, ביז ווען צוביסלעך הייבן זיי אהן איבערנעמען די געוועלטיגונג איבער'ן שכל און גלייכגעוויכט. און הערשט דאן הייבט זיך אהן דער ריכטיגער בראך ה"י, ווייל – ווי חז"ל לערנען אונז – "תחילת נפילה ניסה", דער אנפאנג פון קאפיטוליזם, איז אנטלויפן, א קאטאסטראפע קומט דאן ווען מען הייבט אויף דאס געווער און מ'אנטלויפט. א געטרייער סאלדאט שלאגט זיך ביז צום לעצטן אטעם, אפילו נאר אויף "איין פראצענט"!!

**א געטרייער סאלדאט שלאגט זיך ביז צום לעצטן אטעם, אפילו נאר אויף "איין פראצענט"!!**